אמונת צדיקים איז געווען א שטארקן יסוד ביי חסידים | **אמונה גיבט א כח משיג צו זיין נשמה'דיגע זאכן** | לערנען נועם אלימלך מיט אמונה | **ער גלייבט כאילו ער זעט** | עס ברענגט א חיות אין אלע חלקי האמונה | **ער איז מקיים דערמיט דעם 'ולדבקה בו'**

## ב. נוטרה את הכרמים: צדיקים האבן געהיטן אויפן 'כרם החסידות'

ווען עס האנדלט זיך צווישן א מצוה און עבירה – פארשטייט יעדער איינער אז מען דארף שוקל זיין שכר כנגד הפסד | **אויך ביי מצוות אליינס – דארף מען אפוועגן וואס עס איז רצון ה' יעצט** | ביי שולחן ערוך איז עס נישט אזוי קאמפליצירט | **ביי חסידות איז עס זייער וויכטיג – וויבאלד עס איז נישטא קיין קלארקייט** | דער ראפשיצער רב איז געקומען עוקר זיין פסולת החסידות | **די ראפשיצער צדיקים האבן געערדט זייער שארף – כדי צו היטן פון פסולת החסידות** | דער צאנזער רב האט געפירט מערכות – כדי צו היטן אויפן פשטות היהדות

## ג. גובה קומתו כי מאסתיהו: נוצן א רבי צו זיין א בעל גאוה – ווי מיאוס איז דאס

אינעם ענין פון אמונת צדיקים – דארף מען זייער אכטונג געבן פון פסולת החסידות | **ערשטע פסולת: פארדרייטע אמונת צדיקים – גלייבן אין גוזמאות איבער די גרויסקייט פונעם רבי'ן** | פון שקר קען זיך אידישקייט נישט בויען | **עס האט נישט קיין קיום און קיין המשך** | מען קען מקבל זיין פון א וואוילער איד – אפילו אויב מען רעדט זיך נישט איין אז ער איז א צדיק | **פארקערט, ווען מען רעדט זיך איין – ווערט די גאנצע השפעה קרום** | מען דארף נישט רעדן פון א צדיק – מער פון וואס ער האט זיך מגלה געווען | **מען דארף זיין א בר דעת** | אז מען דרייט זיך נעבן בעלי דעת – באקומט מען שימוש חכמים | **צווייטער פסולת: פארדרייטע אמונת צדיקים – צו בויען זיין ישות דורכן צדיק** | דאס האט גורם געווען אלע מחלוקת'ן צווישן חסידים און חסידות'ן | **דאס האט פארהאקט דעם טעם פון אמונת צדיקים** | די גאוה פון האלטן אז זיין רבי איז דער גרעסטער | **ער האלט בעצם אז ער איז דער גרעסטער** | עס שטערט פאר אמונה באחדות הבורא | **דער רבוש"ע וויל עס זאל זיין אסאך צדיקים** | אויב מען זוכט כבוד שמים – איז מען מסכים אז יענער צדיק זאל זיין גרעסער פון מיין רבי | **דריטער פסולת: פארדרייטע אמונת צדיקים – ער מאכט דעם רבי'ן פאר א גאנצע מציאות** | די איידלקייט פון אמונת צדיקים | **נישט אפהאקן דעם צינור פונעם מקור השפע** | אלעס איז דער רבוש"ע | **לו לבדו ראוי להתפלל** | דער עיקר הודאה איז בלויז צום רבוש"ע

א.

# אמונתך בקהל קדושים: אמונת צדיקים פון די יסודות אין חסידות

**דער רבי גיבט 'חיות' פארן תלמיד**

מען האט אויבן מסביר געווען (גליון קסז) דעם חידוש פונעם דרך החסידות - אינעם ענין פון 'התקשרות לצדיקים' - אז מען האט געלייגט דעם עיקר דגוש אויפן 'חיות' וואס דער תלמיד באקומט פון זיין רבי'ן, זייענדיג אן 'ענף' פונעם רבי'ן, און דורכדעם באקומט ער שוין אויטאמאטיש דעם רבי'נס אלע לימודים אין עבודת ה'.

**דער תלמיד מוז האבן אמונה אינעם רבי'ן**

אלס א חלק פון דעם סארט השפעה פונעם רבי'ן צום תלמיד, האט מען אויך געלייגט א דגוש אויפן ענין פון 'אמונת צדיקים', וואס דאס פארלאנגט א געוויסע עבודה וואס דער חסיד דארף צושטעלן. ווייל פונקט ווי **ביי יעדע דבר שבקדושה איז דער כלל, אז אָן אמונה קען מען גארנישט מקבל זיין**; ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין הלכות יום הכיפורים (או"ח תרז, ו): "יום הכיפורים אינו מכפר אלא על השבים המאמינים בכפרתו", אזוי אויך ביי דעם ענין פון צדיקים, קען מען נישט מקבל זיין פון זיי, נאר אויב מען גלייבט אין זיי, ווייל 'אמונה' איז דער שורש פון אלעס.

**אמונה איז דער פתח הקדושה**

דער פסוק זאגט (ישעיה כו, ב): "פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים" - 'אמונה' איז ווי דער טיר צו א העכערע וועלט, וועלכער עפנט זיך אויף פארן מאמין, און ער קען אריינגיין און באקומען א הכרה אין דער העכערער וועלט.

ווייל אמונה איז א חוש פון א נשמה זיך צו מקשר זיין מיט די דברים שבקדושה - וועלכע מען קען נישט מסביר זיין על פי שכל. און דורך די אמונה באקומט ער א כח פון 'למעלה מדרך הטבע', צו האבן א הכרה אין העכערע און איידעלע ענינים. און די הכרה דערין קען זיין אזוי שטארק, ממש כאילו ער פארשטייט עס און זעט עס; ווי די ספרים זאגן א רמז, אז 'אמונה' איז ראשי תיבות: "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים" (יחזקאל א, א), ווייל ווען א איד גלייבט מיט גאר א שטארקע אמונה, איז עס ביי אים ממש כאילו ער זעט עס מיט די אויגן! לדוגמא: עס איז אסאך מאל פארהאן, אז א בחור לערנט א שטיקל נועם אלימלך, און ער פארשטייט נישט געהעריג וואס ער לערנט, וויאזוי איז מען מסביר דעם חילוק צווישן דעם ערשטן 'בחינת צדיק' און דעם צווייטן 'בחינת צדיק' וכדומה, אבער וויבאלד די אמונה אינעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך איז פעלזן פעסט, **ער גלייבט באמונה שלימה אז יעדעס ווארט דא איז 'קודש קדשים' - דעריבער האט ער ממש א הרגשה אין די ווערטער, וואס ער קען אפילו נישט מסביר זיין געווי וואס ער שפירט! דער נשמה'דיגער חוש פון אמונה, שיינט אים אריין א ליכטיגקייט אין די זאכן וואס ער גלייבט** - אָן עס פארשטיין מיטן שכל!

**דורך אמונת צדיקים קומט מען אָן צו אמונה בה'**

ביי חסידים האט מען שטארק גע'חזר'ט דעם פסוק (שמות יד, לא): "וַיַּאֲמִינוּ בה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ", אז 'אמונת צדיקים' איז א מורא'דיגער שליסל אריין צו געבען 'אמונה בהשם', ווייל **צדיקים זענען שלוחים אראפצוברענגען די אמונה בה' אויף דער וועלט. און דורכדעם וואס מען האט א שטארקע 'אמונת צדיקים' - שפירט מען קלאר די השגחת ה' אין דער בריאה, און גאנץ אידישקייט ווערט קלאר**. און במשך הדורות האט מען טאקע געזען, ווי דאס האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויפן חסיד! די אלע מקושרים מיטן רבי'ן זענען דערהויבן געווארן - אסאך מער ווי זיי וואלטן זיך געקענט אליינס דערהייבן!

**ער איז מקיים די מצוה פון 'ולדבקה בו'**

אין תורת הנגלה (נאך בעפאר דרך החסידות) קען מען זאגן, אז **מיט דעם וואס א מענטש האט 'אמונת צדיקים', איז ער מקיים די מצוה פון 'ולדבקה בו'**, וואס חז"ל זאגן אויף דעם פשט (כתובות קיא:): "וכי אפשר לאדם לידבק בשכינה" נאר עס מיינט צו זיין דבוק אין תלמידי חכמים - דורכדעם וואס מען איז זיך מדבק אינעם תלמיד חכם, ווערט מען דבוק צום רבונו של עולם. און די גמרא גיבט דארט עטליכע דוגמאות פון 'דבקות בתלמיד חכם'; ווי 'משיא בתו לתלמיד חכם' און 'עושה פרקמטיא עם תלמיד חכם'. אבער דער ענין פון 'אמונת צדיקים' וואס מען האט געזען ביי חסידים איז נאך אסאך א גרעסערע דבקות, ווייל עס איז ממש אן עצמיות'דיגער קשר וואס דער חסיד אטעמט ממש דעם רבי'ן! און אודאי ווערט ער דורכדעם דבוק אינעם רבונו של עולם לאין ערוך.

**נקודות:**

'אמונה' איז ווי דער טיר צו א העכערע וועלט, וועלכער עפנט זיך אויף פארן מאמין, און ער קען אריינגיין און באקומען א הכרה אין דער העכערער וועלט. ווייל אמונה איז א חוש פון א נשמה זיך צו מקשר זיין מיט די דברים שבקדושה – וועלכע מען קען נישט מסביר זיין על פי שכל

ב.

# נוטרה את הכרמים: צדיקים האבן געהיטן אויפן 'כרם החסידות'

**'משקל החסידות' - אפוועגן צי אין אזא פאל איז אויך רצון ה' צו זיין א חסיד**

דער מסילת ישרים אין פרק כ רעדט ארום א גאנצער שמועס איבער דעם ענין פון 'משקל החסידות', אז אפילו די מדה פון 'חסידות' - דארף מען אויך אפוועגן און אפשאצן. ווייל כאטש דער עצם מדה פון חסידות איז טאקע זייער א גוטע זאך, און ווילאנג מען האלט עס הייליג און ריין - איז עס 'מה טוב ומה נעים', עס איז ליכטיג און טייער, און עס איז נישטא קיין בעסערס דערפון, אבער איינמאל מען פארדרייט עס - זאל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין. ווייל **יעדע גוטע זאך קען האבן צו זיך געוויסע חלקים וועלכע זענען איבערגעטריבן אדער נישט אינעם ריכטיגן פלאץ, וואס דאס איז דער 'פסולת'** פון דער זאך.

**חסידות האט נישט קיין שולחן ערוך - דערפאר איז זייער וויכטיג צו האבן א 'משקל'**

וויפיל דער ענין פון 'שוקל' זיין, איז וויכטיג ביי יעדע זאך אין עבודת ה', איז עס נאך אסאך וויכטיגער ביי עניני 'חסידות'. ווייל ווילאנג א מענטש זוכט בלויז מקיים צו זיין דעם טרוקענעם דין פון שולחן ערוך - האט ער א קלארע הוראה וואס עס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך. און כאטש וואס אפילו אין שולחן ערוך איז אויך פארהאן אמאל א מצב וואס עס איז נישט אזוי קלאר, און מען דארף דארט אויך נוצן א 'משקל' - צו וויסן וועלכער סעיף איז וויכטיגער מקיים צו זיין וכדומה, אבער דאך קען מען זיך נישט צופיל נארן אין שולחן ערוך, ווייל כמעט יעדע שאלה ווערט שוין אויסגעשמועסט אין די פוסקים. אבער **ווען עס קומט צו חסידות - וואס אויף דעם איז בכלל נישטא קיין שולחן ערוך מיט קלארע הוראות - קען עס זייער לייכט פארדרייט ווערן אויף נישט ריכטיגע אופנים. דעריבער דארף מען שטיין אויף דער וואך און כסדר אפוועגן יעדע זאך מיטן 'משקל החסידות';** ווי די ספרים טייטשן דעם פסוק (תהלים פו, ב): "שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי" - ווייל איך בין א 'חסיד', דארף איך מתפלל זיין אויף א באזונדערע שמירה, אז דו זאלסט מיר אפהיטן נישט צו ווערן פארדרייט.

**דער ראפשיצער חדר האט זייער שטארק געהיטן אויפן 'משקל החסידות'**

דער רב זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "דער ראפשיצער רב זי"ע איז געקומען אויף דער וועלט, ארויסצונעמען דעם 'פסולת' פון חסידות!". און דער רב פלעגט עס מסביר זיין: דא אויף דער וועלט איז דער 'עולם הבירורים' - וואס יעדע זאך דארף האבן א 'בירור'! עס איז א וועלט פון 'טוב' און 'רע', און עס איז נישטא קיין זאך וואס האט נישט קיין רע! אפילו די הייליגסטע זאך אויף דער וועלט - האט אויך פסולת! דעריבער מוז מען יעדע זאך גוט מברר זיין פונעם פסולת. און אינעם ראפשיצער חדר האט מען זייער שטארק געארבעט אויף דער מדה פון 'משקל החסידות' - מברר צו זיין יעדע חסיד'ישע ענין אז עס זאל זיין ריין פון פסולת, סיי כלפי זיך זעלבסט, און סיי כלפי אנדערע. און דערפאר זענען די ראפשיצער צדיקים געווען גרויסע 'קריטיקירער', זיי פלעגן אסאך רעדן אפילו אויף אנדערע רבי'ס. אודאי איז געליגן דערין אויך באהאלטענע כונות און רבי'שע ענינים; ווי אוועקצונעמען פון זיי די קטרוגים וכדומה, אבער עס האט אויך געהאט א פשוט'ן פשט, וואס זיי האבן געוואלט אפהיטן אויף אנדערע צדיקים, אז עס זאל זיך נישט אריינכאפן דארט קיין 'פסולת' ביי די חסידים. און **דאס רעדן אויף יענעם - האט נישט געמיינט אז זיי האלטן נישט פון יענעם, נאר פונקט פארקערט, דוקא ווייל זיי האבן יא געהאלטן פון יענעם, און האבן געהאלטן אז יענער האט א הייליגן דרך, דעריבער דארף עס טאקע האבן א שטארקערע שמירה, אז עס זאל נישט זיין דארט קיין פסולת, נאר עס זאל בלייבן אינגאנצן ריין און הייליג.**

**דער צאנזער רב האט ממשיך געווען דעם ראפשיצער דרך**

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע איז דאך געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב, האט ער אויך געהאט די דאזיגע עבודה פון 'משקל החסידות', וואס ער האט זייער שטארק געהיטן אז חסידות זאל נישט פארדרייען די פשוט'ע אידישקייט; ווי עס איז באקאנט פארשידענע מעשיות און מימרות פונעם צאנזער רב אויף דעם ענין. מען וועט אנכאפן איין דוגמא: דער ראזוואדאווער רב זי"ע איז געווען אמאל אין צאנז, און מען האט דארט געשמועסט אין בית המדרש עפעס א שמועס וועגן 'ביעור חמץ', האט זיך דער ראזוואדאווער רב אנגערופן: "דער עיקר חמץ איז דאך דער 'יצר הרע', און דער עיקר דארף מען זען מבער צו זיין דעם יצר הרע!". איז דער גארליצער רב זי"ע אריין צום טאטן און אים פארציילט: "דער רבי משה ראזוואדאווער קומט זיך דא אָן, און ער זאגט אז 'חמץ' מיינט נישט 'ברויט', נאר חמץ מיינט דער 'יצר הרע'...". ווען דער צאנזער רב איז אריינגעקומען צום טיש האט ער געזאגט תורה, האט ער אנגעהויבן אזוי: "די ערשטע זאך דארף מען וויסן אז 'חמץ' מיינט נישט 'יצר הרע' - 'חמץ' מיינט 'ברויט'! און 'ביעור חמץ' מיינט אויסרוימען דעם ברויט פונדערהיים...".

**ער האט געציטערט פון די 'חסידים שוטים'**

דער צאנזער רב האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער ראזוואדאווער רב מיינט נישט חלילה מקיל צו זיין קיין 'כי הוא זה' אינעם פשוט'ן פשט פון 'ביעור חמץ', און ער האט גוט געקענט דעם שפראך וויאזוי מען האט גערעדט ביי תלמידי בעל שם, אז חמץ איז דער יצר הרע. ער אליינס איז דאך געווען פון די תלמידי בעל שם. נאר ער האט געהאט א מורא'דיגע עבודה אין דעם, אז מען זאל נישט פארדרייען! **דאס איז געווען דער מהלך פונעם צאנזער רב, צו שטיין על המשמר אז מען זאל נישט געבן קיין פתח פאר 'חסידים שוטים' צו פארדרייען דעם פשטות! דערפאר האט ער מדגיש געווען, אז דער פשוטער פשט איז דער עיקר!** זיי גארנישט מזלזל אינעם פשוט'ן פשט! חמץ מיינט 'ברויט' און דאס איז דער עיקר, מבער צו זיין ברויט! און ערשט נאכדעם וואס דאס איז קלאר און שטארק אוועקגעשטעלט - קען מען שוין צולייגן א טייטש, אז 'חמץ' איז מרמז אויפן יצר הרע.

ג.

# גובה קומתו כי מאסתיהו: נוצן א רבי'ן צו זיין א בעל גאוה - ווי מיאוס איז דאס

**דער פסולת פון אמונת צדיקים - נאכמער ווי ביי אנדערע עניני חסידות**

'אמונת צדיקים' איז טאקע זייער א הייליגע זאך און איז טאקע פון די יסודות פונעם דרך החסידות, אבער עס דארף האבן א גרויסע שמירה פון 'פסולת החסידות', נאכמער ווי אנדערע עניני חסידות, ווייל אין 'עניני אמונה' - אויב מען גיבט נישט אכטונג פון פסולת - קען מען אנקומען צו שרעקליכע טעותים רחמנא ליצלן. דעריבער וועט מען אויסשמועסן עטליכע נקודות פון 'משקל החסידות' בנוגע 'אמונת צדיקים'.

**גוזמאות אויפן רבי'ן מיינט נישט אמונת צדיקים**

**דער ערשטער ענין פון משקל החסידות:** געווענליך איז פארהאן א תאוה ביי חסידים צו מאכן דעם רבי'ן גאר גרויס, מען טראכט אויס אז דער רבי האט דער מדרגה און יענער

**נקודות:**

'אמונה' איז ראשי תיבות: "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים", ווייל ווען א איד גלייבט מיט גאר א שטארקע אמונה, איז עס ביי אים ממש כאילו ער זעט עס מיט די אויגן! לדוגמא: א בחור לערנט א שטיקל נועם אלימלך, און ער פארשטייט נישט געהעריג וואס ער לערנט, אבער וויבאלד די אמונה אינעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך איז פעלזן פעסט, איז זיין הכרה דערין אזוי שטארק, ממש כאילו ער פארשטייט עס און זעט עס

~

ווען עס קומט צו חסידות – וואס אויף דעם איז בכלל נישטא קיין שולחן ערוך מיט קלארע הוראות – קען עס זייער לייכט פארדרייט ווערן אויף נישט ריכטיגע אופנים. דעריבער דארף מען שטיין אויף דער וואך און כסדר אפוועגן יעדע זאך מיטן 'משקל החסידות'

מדרגה, און דער רבי איז נאך גרעסער און נאך גרעסער. געוויסע וועלן זאגן אז ער האט 'גילוי אליהו', און אנדערע וועלן שוין גלייבן אז ער קען אפילו 'מחיה מתים' זיין... אבער דאס איז נישט מער ווי פירות פון פראפעגאנדע, וואס יעדע זאך רופט מען אָן 'אמונת צדיקים'. אבער אינ'אמת'ן, איז דאס בכלל נישט קיין 'אמונת צדיקים'. עס איז שטותים און נארישקייטן, און עס וועט נישט ברענגען קיין שום תועלת.

**מיט שקר קען מען נישט האבן קיין המשכת הדורות**

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט (פרשת בא ד"ה או יאמר דברו אל כל עדת ישראל ועוד): "שלא יגזם במדת הצדיקים" - מען טאר נישט צולייגן גוזמאות אויפן רבי'ן און האלטן פון אים מער פון וואס ער איז. ווייל 'גוזמאות' איז דאך 'שקר', און פון שקר קען קיין גוטס נישט ארויסקומען! "השקר אין לו רגלים" **- דער שקר וועט נישט האבן קיין קיום און וועט נישט קענען ווייטער אויפציען דורות פון חסיד'ישע אידן.** די תורה איז 'תורת אמת', און אידישקייט מוז זיין געבויעט אויף קראנטע און אמת'ע זאכן.

**וואס וועסטו האבן פון מאכן דיין רבי'ן גרעסער?**

איינער וועלכער האט א רבי'ן וועלכער איז א טייערער און דערהויבענער איד - איז נישטא קיין שום ענין צו פארדרייען די יוצרות, און אנהייבן גלייבן אז ער איז א 'צדיק אמת' און ער איז כמעט ווי די פריערדיגע צדיקים תלמידי בעל שם... א דערהויבענער איד - איז א דערהויבענער איד, מען זאל האבן שייכות צו אים און מען זאל מקבל זיין פון אים אסאך גוטע זאכן, אבער עס איז קלאר, אז ער איז בכלל נישט קיין דמיון צו די אמאליגע צדיקים! און פון פארדרייען און מטשטש זיין אידישקייט - וועט מען נישט ווערן מער חסיד'ישער איד און מען וועט נישט מקבל זיין אזוי מער תועלת פון אים.

**מען דארף האבן 'שימוש חכמים' פון חסיד'ישע אידן בעלי דעת**

אפילו אויב איינער האט יא זוכה געווען זיך צו מדבק זיין אין א צדיק אמת - דארף ער גלייבן אז זיין רבי איז א צדיק, און אז ער האט נישט קיין השגה אין אים. אבער עס דארף האבן 'גדרים' וואו ווייט מען גייט דערמיט, ווייל טאמער מען גייט ארויס פון די גדרים - ווערט עס א פאלשע 'אמונת צדיקים'. עס איז זייער שווער צו געבן א פונקטליכע הגדרה דערויף, אבער **אז מען דרייט זיך נעבן חסיד'ישע אידן 'בעלי דעת' און 'תלמידי חכמים' און מען הערט וויאזוי זיי רעדן פון זייער רבי'ן - קען מען האבן 'שימוש חכמים' זיך אויסצולערנען וואס 'אמונת צדיקים' מיינט**, און וויאזוי מען דארף רעדן פון א צדיק. ווייל א 'בר דעת' האט דעם פינפטן חלק שולחן ערוך צו רעדן בלויז פון די מדרגות מיט וואס דער רבי האט זיך אליינס מגלה געווען, כאטש וואס ער גלייבט אז זיכער איז דא נאך אסאך באהאלטענע מדרגות, און דער 'גילוי' איז בלויז א הוראה אויף אלץ וואס ער האט נישט מגלה געווען - אבער ער דארף נישט זאגן אז דער רבי האט א געוויסע הויכע מדרגה, אויב ער ווייסט נישט דערפון!

**די ריכטיגע 'אמונת צדיקים' ברענגט אז דער חסיד זאל זיך שפירן 'שפל'**

**א צווייטער ענין פון משקל החסידות:** אין דער ענין פון 'אמונת צדיקים' קען זיך אריינכאפן א שרעקליכער פסולת, וואס דאס איז די קליפה פון 'גאוה' און 'ישות', אז אנשטאט צו זיין 'בטל' און 'שפל' - כלפי די גרויסקייט פון זיין רבי'ן, איז ער א 'בעל גאוה' און א 'יש' - כלפי זיינע ארומיגע, אז 'ער האט דעם גרעסטן רבי'ן - מער פון יעדן איינעם'. דאס איז ממש א ריכטיגער 'פסולת החסידות', און פון דעם 'שורש הרע' האט ארויסגעשפראצט אזויפיל מחלוקת'ן צווישן חסידים במשך כל הדורות.

**די פאלשע אמונת צדיקים - דער חסיד שפירט זיך בא'גדול'ט מיט זיין רבי'ן**

אין אנדערע ווערטער: פון אזא הייליגן און איידעלן מושג ווי 'אמונת צדיקים' - ווערט אן ענין פון א פשוט'ע פאליטיק, וואס דער מגושם'דיגער מענטש האט מיט וואס זיך צו גרויסן איבערן צווייטן: "מיין רבי איז דער 'צדיק הדור', און דיין רבי איז גארנישט מיט נישט! מיין רבי איז דער גרעסטער פון אלע רבי'ס!". און ער האלט זיך נאך פאר א גרויסער 'חסיד' - וועלכער האט א שטארקע 'אמונת צדיקים'... אבער אינ'אמת'ן האט דאס נישט קיין שייכות צו 'אמונת צדיקים'! דאס איז נישט מער ווי 'גאוה', אז **אנשטאט זיך גרויס צו האלטן מיט זיך אליינס - האלט ער זיך גרויס מיט זיין רבי'ן! עס פאסט אים נישט צו האבן סתם א רבי'ן - נאר עס מוז זיין דער גרעסטער רבי אויף דער וועלט!**

**דער חילוק צווישן אמאל און היינט**

פארצייטנס ווען חסיד'ישע אידן זענען געזעסן און געשמועסט איבער דעם קשר זייערע צו צדיקים - האט עס ממש אריינגעגעבן א 'חיות דקדושה'! ווען מען האט געהערט ווי אן ערנסטער חסיד'ישער איד רעדט פון זיין רבי'ן מיט אזא דבקות, ער איז ממש דבוק אינעם רבי'ן בלב ובנפש, און ער אטעמט ממש דעם רבי'ן - האט מען באקומען א התעוררות תשובה! מען האט ממש געשעפט דערפון חיזוק און חיות. אבער ליידער איז היינט בעקבתא דמשיחא אלעס געווארן פארדרייט; ממש גענוי ווי די צדיקים האבן פאראויס געזאגט אויף די נסיונות פון עקבתא דמשיחא. דער יצר הרע האט היינט אנגעברענגט אויף דער וועלט א קליפה פון 'פראפעגאנדע', אין חסידות זענען פארהאן מענטשן וועלכע זוכן צו בויען זייער חסידות - אלס די גרעסטע און בעסטע פארטיי אויף דער וועלט. און איינמאל דער ענין פון גאוה און פאליטיק האט זיך אריינגעכאפט אין חסידות - האט עס אנגעזייעט א חורבן אינעם גאנצן ענין פון אמונת צדיקים! היינט איז שוין זייער שווער צו רעדן איבער קשר צו צדיקי אמת, ווייל באלד ווערט עס אפגעלערנט ווי א פאליטיק און א פארטיי. און צוליב דעם דרייען זיך ארום חסיד'ישע יונגעלייט וואס עס פעלט זיי נעבעך דער גאנצער ענין פון אמונת צדיקים און קשר צו די פריערדיגע צדיקי אמת.

**ווילאנג עס רעדט זיך פון 'מיין רבי' און 'דיין רבי' - קען מען נישט דערהערן 'אחדות הבורא'**

דער אמרי נועם זאגט אין דער הגדה - אויף 'מעשה ברבי אליעזר': **"עד שבאו תלמידיהם ואמרו רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית"**. זאגט דער אמרי נועם: עס זענען דאך געזעסן דא פינף רבי'ס אינאיינעם, רבי אליעזר און רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה, רבי עקיבא און רבי טרפון, און יעדער פון זיי האט דאך געהאט זיינע תלמידים און חסידים. און דא איז געשען א חידוש נפלא, אז אלע תלמידים זענען געקומען צוזאמען און געזאגט: "רבותינו" - עטץ אלע זענט אונזערע רבי'ס! נישט אז דער תלמיד האט געזאגט: 'מיין רבי'! און דער תלמיד האט געזאגט: 'מיין רבי'! נאר **אלע האבן געזאגט אויף אלע רבי'ס צוזאמען: "אונזערע רבי'ס". נו, אויב אידן זענען שוין אויף אזא מדרגה, איז שוין טאקע "הגיע זמן קריאת שמע של שחרית" - איז שוין צייט צו ליינען קריאת שמע! עס קען שוין נתגלה ווערן 'אחדות הבורא' אויף דער וועלט!** ווייל ווילאנג עס איז נאך פארהאן א פאליטיק פון 'מיין רבי' און 'דיין רבי' - קען נאכנישט נתגלה ווערן 'אחדות הבורא'.

**פארגינען דעם רבוש"ע גרעסערע צדיקים ווי מיין רבי'ן...**

דער 'דברי שמואל' פון סלונים זי"ע, האט געהאט א גבאי מיטן נאמען ר' ישראל זלמן ע"ה. ער איז געווען א ריכטיגער גבאי, א גרויסער בר דעת און א שם דבר. רבי שמואל סלונימער האט געזאגט אויף אים: "ר' ישראל זלמן איז מחייב אלע גבאים! ער איז א גבאי ווי עס דארף צו זיין!". איז אמאל געווען אן אסיפה פון רבנים, וואס מען האט נישט אריינגעלאזט די גבאים אינעווייניג צו דער אסיפה, נאר די גבאים האבן געמוזט בלייבן שטיין אינדרויסן. האבן די גבאים געשמועסט צווישן זיך, און יעדער האט געזאגט: "מיין רבי איז גרעסער פון אלע ענקערע רבי'ס!", אזוי האט יעדער געזאגט אויף זיין רבי'ן. דער ר' ישראל זלמן גבאי איז אויך געווען דארט, אבער ער האט זיך גארנישט אנגערופן. האט מען אים געפרעגט: "פארוואס רעדסטו גארנישט וועגן דיין רבי'ן?", האט ער זיי געענטפערט: **"איך פארגין דעם רבונו של עולם, אז ער זאל האבן צדיקים וועלכע זענען גרעסער ווי מיין רבי!"**.

**א דעת פון א ריכטיגער חסיד א בר דעת**

ווען די אסיפה האט זיך געענדיגט און מען איז אהיימגעגאנגען, האט רבי שמואל סלונימער געפרעגט: "ר' ישראל זלמן וואס האבן די גבאים געשמועסט? מען האט דאך אודאי געשמועסט וועגן רבי'ס?". האט ער געזאגט: "אודאי, יעדער האט געזאגט, אז זיין רבי איז דער גרעסטער!". האט ער אים

**נקודות:**

אנשטאט צו זיין 'בטל' און 'שפל' – כלפי זיין רבי'ן, איז ער א 'בעל גאוה' און א 'יש' – כלפי זיינע ארומיגע, אז ער האט דעם גרעסטן רבי'ן... און פון אזא הייליגן און איידעלן מושג ווי 'אמונת צדיקים' – ווערט אן ענין פון א פשוט'ע פאליטיק, וואס דער מגושם'דיגער מענטש האט מיט וואס זיך צו גרויסן איבערן צווייטן

~

א מענטש וועלכער האט א געפיל צום רבונו של עולם און צו כבוד שמים, האט הנאה צו הערן אז עס זענען פארהאן אויף דער וועלט נאך אסאך גרעסערע צדיקים – ווי זיין רבי. ווייל דער רבונו של עולם וויל דען, אז עס זאל זיין בלויז איין צדיק?! ער פארגינט פארן רבונו של עולם, אז עס זאלן זיין נאך גרעסערע צדיקים אויף דער וועלט!

>>> המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

**הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע - יו"ד א' אדר**

- הרה"ק מגארליץ זי"ע והרה"ק מראזוואדוב זי"ע, חתניו של הרה"ק בעל 'ייטב לב' מסיגעט זי"ע, אכלו אצלו 'קעסט' בתקופה אחת. פעם אחת כאשר התבונן הרה"ק מגארליץ בעבודת הקודש של גיסו הרה"ק מראזוואדוב, התפעל מאד וניגש אליו ואמר לו בהתרגשות: 'מאך מיך אויך פאר א איד, מאך מיך אויך פאר א איד'! (עֲשֵׂה נא אותי גם כן ליהודי!).
- שמעתי בשם כ"ק אדמו"ר מצאנז קלויזנבורג זצ"ל, כי כאשר שמע זקינו הרה"ק מגארליץ על פטירת גיסו הרה"ק מראזוואדוב, נפל מכסאו והתעלף מרוב צער, ואח"כ בכה בקולי קולות על גודל האבידה. והתבטא ואמר בכאב: 'דער שווארצער משה איז שוין אויך נישט דא...' (משה השחור גם כבר אינו נמצא), כך היה הרה"ק מגארליץ רגיל לכנות את גיסו הק', מאחר שגוון עורו היה נוטה קצת לשחרירות. ומי יעמוד בסוד דרכיו הטמירים.
- פעם אחת בתוך דבריו התבטא הרה"ק מגארליץ בחריפות כנגד הדרך של קאצק, השיב לו הרה"ק מצאנז לעומתו ואמר: 'דו וועסט נאך אמאל האבן א קאצקער איידעם' (עוד יהיה לך חתן חסיד קאצק). ואכן אחר שנים רבות התחתנה בתו של הרה"ק מגארליץ הרבנית רייזל ע"ה עם הרה"ק בעל ה'שפת אמת' מגור זי"ע (בזיוו"ש). כאשר דיברו אל הרה"ק מגארליץ את השידוך עם ה'שפת אמת', התבטא ואמר: 'איך קען אים' (אני מכיר אותו), ובפשטות לא הכירו בכלל ולא ראה אותו מימיו (ואפי' לא בא על החתונה כי לא היה בקו הבריאות, אלא רק בניו נסעו לשם) אבל מכל מקום אמר כי הוא מכירו.
- הרבנית אשת ה'שפת אמת' היתה אשה חכמה ונבונה, ובחצר גור היו מחשיבים אותה מאד. היא היתה רגילה לשוחח ולספר הרבה עובדות מזקינה הרה"ק מצאנז, וה'שפת אמת' אמר כי יש מה לשמוע בשיחותיה, והיו כמה מחסידי גור שהיו באים אליה לשמוע דבריה.

 אחר החופה של ה'שפת אמת' עם הרבנית רייזל, כאשר נכנסו לחדר היחוד, בירכה ה'שפת אמת' ואמר: 'דער אייבישטער זאל העלפן מ'זאל האבן קינדער אזוי ווי דיין זיידע' (הקב"ה יעזור שיהיו לנו בנים כמו זקינך הרה"ק מצאנז), אבל היא הרי היתה בתו של הרה"ק מגארליץ, והגיבה בחריפות: 'ווי דער זיידע קען נישט זיין...' (כמו זקיני אי אפשר שיהיה...) והיה זה כשגגה היוצאת מפיה, ואכן לא זכתה להיפקד מן ה'שפת אמת' בפרי בטן.
- סיפר כ"ק אדמו"ר מהר"י מפשעווארסק זצ"ל: פעם אחת אמר הרה"ק מצאנז לבנו הרה"ק מגארליץ: 'טוה תשובה מאהבה, וועסטו זיין משיח' (תעשה תשובה מאהבה ותהיה משיח), ענה לו הרה"ק מגארליץ: 'איך וויל נישט זיין משיח' (אין אני חפץ להיות משיח). שאל אותו אביו: 'פארוואס ווילסטו נישט זיין משיח'? (למה אינך רוצה להיות משיח?), ענה לו הרה"ק מגארליץ: 'ווייל ווען איך וועל קומען אין דיין געגנד און איך וועל זאגן אז איך בין משיח, וועט מען מיר גלייבן. אבער ווען איך וועל קומען אין די... געגנד, וועט מען זאגן: נישט דו ביסט משיח, נאר מיין רבי איז משיח'! (כאשר אבוא בגלילות רבנותך ואומַר כי אני הנני משיח, אכן יאמינו לי. אבל כאשר אבוא לגלילות חסידים אחרים, יענו ויאמרו לי 'לא אתה משיח, אלא הרבי שלנו הוא משיח'). שאל אותו הרה"ק מצאנז: 'נו, וואס וועט זיין? משיח דארף דאך קומען'! (אבל מה יהיה? משיח הרי צריך לבא!), ענה ואמר לו: 'ווי לאנג די חסידים וועלן נישט.... זעה איך נישט משיח זאל קענען קומען...' (כל עוד שחסידים אלו לא... איני רואה איך יוכל משיח לבא...). והיינו כל עוד שיש 'פאליטיק' וחשבונות כאלו בין החסידים.
- סיפר לי הרה"ח ר' משה דוד שטרָאם ע"ה מלאנדאן, כי שמע כמה פעמים מאחד מנכדי הרה"ק מגארליץ, מעשה שאירע עמו בעצמו. ותמיד כאשר סיפר זה הנכד את המעשה, היה יושב ובוכה. וכך היה מעשה, פעם אחת בילדותו היה נוכח בליל הסדר אצל זקינו הרה"ק מגארליץ, ובאמצע עריכת הסדר נטל הרה"ק מגארליץ את הזרוע מן הקערה ואמר: 'זְרֹעַ איז אותיות זֶרַע', והושיטו אליו ואמר לו: 'איך געב דיר די זרוע, זאלסט געהאלפן ווערן מיט קינדער' (אני נותן לך את הזרוע, כדי שתיוושע בבנים). והנכד הזה היה אז ילד קטן, והתבייש מאד לקחת את הזרוע מידי זקינו. ניגש הרה"ק מגארליץ אליו לתיתו לו, אבל הוא ברח ממנו. התחיל הרה"ק מגארליץ לרדוף אחריו סביב לשולחן הסדר, אבל הוא ברח מפניו סחור סחור, עד שלבסוף לא נטלו ממנו. ואכן ל"ע לא זכה להיפקד בזרע של קיימא. וכל ימיו היה בוכה ומצטער על כך, כי הרה"ק מגארליץ ניסה לפעול ישועה עבורו.
- פעם היתה קבוצה של חסידים שהסתופפו בצילו של הרה"ק מגארליץ, אשר אחד מחבריהם התחיל לסור מן הדרך הישרה ונטה אחר דעות המתחדשים פורקי העול, אבל מבחוץ עוד לא ראו עליו את רעתו. אכן חבריו הרגישו כי אין הוא כתמול שלשום, והחליטו לנסות לקרבו ולשמור עליו מרדת שחת כפי יכולתם. פעם אחת נסעו אל רבם הרה"ק מגארליץ, והצליחו לפעול אצל חברם זה שיצטרף גם כן עמהם. ויהי בבואם לפני הרה"ק מגארליץ, קיבל אותם הרבי בחביבות גדולה והושיט לכולם את ידיו הק' לשלום. אבל כאשר בא תורו של זה האברך, משך הרה"ק מגארליץ את ידו הק', והושיט לפניו את רגלו במקום ידו. החברים שראו את הדבר לא ידעו מה לעשות עם עצמם, כי הם ניסו לקרבו ולשמור עליו, ומי יודע מה יעשה כעת אחר שהרבי ביזה אותו כל כך, והתביישו להסתכל עליו. אכן כאשר אך יצאו מן החדר, ראו כי זה החבר מלא בהתפעלות, ובהתרגשות גדולה אמר להם: 'אינכם יודעים כלל מה אירע כאן...'. ועל פליאתם הגדולה ענה ואמר להם, כי בליבו היתה כוונה רעה לזלזל בקדושתו של הרה"ק מגארליץ ר"ל, ובמחשבה תחלה טימא את ידיו ודוקא לא נטל את ידיו בנטילת ידים כדי להישאר בטומאת ידים לפני שנכנס אל הרבי, ובזה רצה להוכיח להחסידים כי אין הרבי מרגיש כלל. אכן כעת ראה ונוכחו כולם לדעת כי הרבי הרגיש בדבר היטב ברוח קדשו. ומרוב התפעלות שב מדרכו.

<<< המשך מעמ' הקודם

געפרעגט: "נו, און וואס האסטו געזאגט?". "איך האב געזאגט, אז איך פארגין דעם רבונו של עולם, אז ער זאל האבן צדיקים וועלכע זענען גרעסער ווי מיין רבי!". איז רבי שמואל סלונימער זייער נתפעל געווארן און זיך אנגערופן: "אָה, אָה, איך ווייס נישט פון וואו עס קומט צו דיר אזא דעת? פון וואו האסטו אזא דעת?".

**מי יתן כל עם ה' נביאים**

דאס איז א געוואלדיגער לימוד. ווייל אודאי האט זיך יעדער איינער זיין 'רבו מובהק', **אבער וואו שטייט אז דיין רבי דארף זיין דער גרעסטער צדיק?! דו ביסט דען דער גרעסטער חסיד, אז עס קומט דיר אז דיין רבי זאל זיין דער גרעסטער?!** דאס איז פשוט גאוה! דאס איז ריכטיגע 'פסולת החסידות' וואס דער מענטש טראכט נאר פון 'זיך', ווייל אויב וואלט ער געטראכט פונעם רבונו של עולם'ס כבוד, וואלט ער דאך פארגינט פארן רבונו של עולם, אז עס זאלן זיין נאך צדיקים, און גרעסערע צדיקים אויף דער וועלט! דער רבונו של עולם וויל דען, אז עס זאל זיין בלויז איין צדיק?! א מענטש וועלכער האט א געפיל צום רבונו של עולם, האט הנאה צו הערן אז עס זענען פאראן אויף דער וועלט נאך אסאך גרעסערע צדיקים - ווי זיין רבי.

**נישט מאכן דעם רבי'ן פאר א מציאות לעצמו**

**א דריטער ענין פון משקל החסידות:** מען האט אויבן געזאגט, אז א חסיד איז אן 'ענף' פונעם צדיק'ס שורש נשמה, און דערפאר האט א חסיד געאטעמט דעם רבי'ן, ער האט כסדר געהאט דעם צדיק פאר די אויגן, און דורכדעם האט ער מקבל געווען א געוואלדיגע רוחניות'דיגע השפעה. אבער מיט דעם אלעמען דארף מען וויסן, אז אין דעם טאר מען אויך נישט גיין צו ווייט! עס האט אויך א גבול! מען דארף גדענקען, אז עס איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט, און **נישט מאכן חלילה פונעם צדיק א מציאות פאר זיך**, ווייל דאס גרעניצט זיך מיט אמונות טפילות רחמנא ליצלן.

**דער רבי פועל'ט - אבער דער רבוש"ע העלפט**

לדוגמא: א מענטש האט געהאט לא עלינו א חולה אין שטוב און ער האט געדארפט א גרויסע ישועה למעלה מדרך הטבע, נו, איז ער געגאנגען צו זיין רבי'ן, און דער רבי האט אים צוגעזאגט אז דער חולה וועט געזונט ווערן, וכך הוה. נו, אודאי מעג ער גלייבן אז די ישועה האט דער רבי פאראורבעט, אבער **מען טאר נישט טראכטן קיין איין רגע, אז דאס איז עפעס א כח פאר זיך חס ושלום, ווייל דער רבי קען גארנישט אליינס!** נאר דאס איז אלעס דער כח פון די 'תפילות' וואס דער רבי האט מתפלל געווען און זיך געבעטן ברחמים צום רבונו של עולם, און דער רבונו של עולם איז דאך 'מתאוה לתפלתן של צדיקים', ממילא האט ער געהאלפן! אודאי מעג מען האבן הכרת הטוב פארן רבי'ן, אבער דער הודאה דארף זיין צום רבונו של עולם וועלכער האט געהאלפן בזכות הצדיק! דער שפראך דארף זיין: "דער רבונו של עולם האט געהאלפן!", נישט: "דער צדיק האט געהאלפן!".

**מאך נישט פונעם 'צינור' א זאך פאר זיך**

ביי געוויסע חסידים קען מען ליידער אמאל זען א טשטוש אין דעם ענין, אז ווען דער רבי פועל'ט אויס א ישועה, זאגט מען: "אַה, מיר האבן אזא גרויסן רבי'ן!". דאס איז 'פסולת החסידות', און קומט נישט פון עכטע חסידות. ווייל כאטש אלע השפעות קומען דורכן צדיק - איז ער דאך אבער נאר דער 'צינור'! דער אויבערשטער האט דיר געהאלפן, און געשיקט דיין ישועה בגשמיות וברוחניות דורכן צדיק! נו, גייסטו און **דו מאכסט דעם צינור ווי א זאך פאר זיך?! דו האקסט אפ דעם צינור פונעם רבונו של עולם?!** מאך נישט דעם רבי'ן פאר א מציאות פאר זיך! עס איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט, אלעס איז ער און מען דינט נאר דעם איין איינציגן באשעפער.

ישר 718.484.2189



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 347.662.3229